ב"ה

CHESED 24/7
חסד דשיכון סקווירא



# הלכות
# שבת ויו"ט
## לחולים ומשמשיהם

וויכטיגע הלכות שבת ויו"ט פאר
חולים און די באגלייטער

**פארן צום שפיטאל**

**אין שפיטאל**

**אהיימקומען פון שפיטאל**

מהדורה ראשונה - שבט תשפ"ד לפ"ק - נתנדב ע"י

AFFORDABLE DOORS + WINDOWS
A DIVISION OF AWARD PRODUCTS
30 Melnick Dr. #9 Monsey NY 10952 845.371.4477

**לע"נ הרה"ק בעל תורת מרדכי מ'וויזניץ זי"ע**

אשר פעל הרבה לחזק ולהנהיג לימוד וקיום הלכות שבת כמשפטה, להציל
נפש מבהלה במקום חולי וצרכי רפואה כדת של תורה

די הלכות זענען געשריבן און באארבעט געווארן דורך
הרה"ג ר' **אברהם יוסף גארדאן** שליט"א
ע"פ הוראות
הגה"צ רבי **יוסף ישראל אייזענבערגער** שליט"א
דומ"ץ דק"ק שיכון סקווירא

הדפסת הקונטרס התאפשר ע"י הנדבנים החשובים שיחיו

Norman's
חלב ישראל

FINANCIAL RECOVERY INSTITUTE
WE WIN CASES AGAINST MOST MAJOR BANKS
THE FRI GROUP
845-893-7507
Y@friInfo.com

SpecialtyRx




לע"נ הגה"צ רבי
אברהם ניסן
ב"ר צבי נײמאן זצ"ל
דומ"ץ וויזניץ-מאנסי הונצח ע"י משפחתו

צו מנדב זיין דעם קונטרס לזכות, לע"נ אדער דורך א ביזנעס, ביטע רופט די חסד 24/7 פאנדרעיזינג אפיס: 845.354.3233 עקסט. 1178

זכות הרבים תלוי בכם!

די פלאץ קען זיין אייערס!

מזל טוב!
געבוירן א קינד? לאדענט דעם עולם צום שמחה דורך עס מעלדן אין די לוח הציבור שמחה אפטיילונג

לוח הציבור

מאנסי
845.425.4300
E: ads@monseyluach.com
subscribe@monseyluach.com

בארא פארק
718.303.4300
E: mail@LuachHatzibur.com
subscribe@LuachHatzibur.com

לעיקוואוד
732.696.4300
E: ads@lakewooddaily.com
Subscribe@lakewooddaily.com

א פראיעקט דורך:

CHESED 24/7
חסד דשיכון סקווירא

chesed247.org || 845.354.3233 || 718.705.3900

פאר קאמענטארן אויפן גליון, איבערצוגעבן נאך שאלות וועלכע מאכן זיך אין שפיטאל, וואס מיר זאלן אדרעסירן אין קומעדיגע מהדורות, אדער צו ספאנסערן דעם גליון אדער אנדערע חסד פראיעקטן, ביטע שיקט אן אימעיל צו Halachasguide@chesed247.org

**מהדורה ראשונה, ב' ניסן תשפ"ד לפ"ק**

© כל הזכויות שמורות לארגון חסד 24/7. מותר לצלם ולהפיץ רק את כל הקונטרס בשלימותו

# הקדמה

**א.** די תורה הקדושה לערנט אונז אז די מצוה פון ראטעווען דאס לעבן פון א איד איז דוחה אלע מצוות פון די תורה (אויסער די דריי עבירות, עבודה זרה, גילוי עריות, שפיכות דמים), וויבאלד דאס חשיבות פון א אידישע לעבן איז מער פון אלעס!

**ב.** חז"ל זאגן (ירושלמי יומא פ"ה ה"ה): עס איז א מצוה צו מחלל שבת זיין אויף פיקוח נפש. דער וואס איז פלינק צו מחלל זיין, איז געלויבט. דער וואס פרעגט פון א רב אין א פלאץ פון א 'ספק סכנה' אויב מ'זאל מחלל שבת זיין, ווערט גערעכנט ווי א שופך דמים ח"ו.

**ג.** אזוי אויך זאגן חז"ל (שם), אז דער רב פון וועמען מ'פרעגט א שאלה אין א פאל פון פיקוח נפש, איז פאר'מיאוס'ט חלילה, וויבאלד ער וואלט געדארפט דרש'ענען ברבים אז עס איז א מצוה צו מחלל שבת זיין פאר פיקוח נפש.

**ד.** אויך ביי א חשש פון א ווייטע ספק סכנה דארף מען מחלל זיין שבת, יו"ט און יום כיפור, כדי צו פארזיכערן אז עס זאל נישט זיין קיין סכנה פאר דאס לעבן פון א איד. עס ווערט ערקלערט אין די פוסקים (שו"ע הרב סי' של, ס"א) אז דאס גייט אויך אן ביי א ספק פון אזא סארט סכנה וואס אפילו איינער פון טויזנט שטארבט נישט דערפון!

# רופן הצלה

**ה.** אין יעדנפאל וואס עס איז דא אפילו א ספק אויב דער חולה איז אין א מצב פון סכנה, דארף מען אלעס טון כדי אויסצוקלארן זיין מצב, און וויסן אויב ער איז אין א סכנה. אויב אינדערוואכן וואלט מען גערופן 'הצלה', דארף מען אויך שבת רופן 'הצלה' (וויבאלד מ'קען נישט אליין באשטעטיגן אויב עס איז א מצב פון פיקוח נפש).

**ו.** אויב מ'האט די צייט און די רואיגקייט, איז כדאי צו דרוקן די קנעפלעך אויפן טעלעפאן מיט א שינוי (צוםביישפיל: מיט די קליינע פינגער, אדער מיט די knuckle).

# ארייַנפארן שבת אין שפיטאל

**ז.** אין יעדנפאל וואס אינדערוואכן וואלט מען אריינגעפירט דעם חולה אין שפיטאל, כדי די פראפעסיאנאלע דאקטוירים זאלן אים אונטערזוכן מיט זייערע אינסטרומענטן, דארף מען אים אויך שבת און יו"ט ארייַנפירן.

**ח.** ווען מ'דארף ארייַנפארן שבת אין שפיטאל, און עס איז אן אנגעצויגענע מצב (מ'דארף אנקומען וואס פריער), פארט מען אריין דורך 'הצלה'.

**ט.** אויב מ'דארף נישט אנקומען ווי שנעלער (צום ביישפיל: אסאך מאל ביי א יולדת), פארט מען אריין מיט א גוי.

# ווען מ'פארט מיט א גוי'אישע טעקסי

**י.** אין פאל וואס מ'פארט אריין מיט א גוי, זאל מען פראבירן צו רופן אויפן טעלעפאן מיט א שינוי (צום ביישפיל: מיט די קליינע פינגער, אדער מיט די knuckle. אויב ס'איז שייך, איז כדאי צו רופן פון א טעלעפאן וואס האט נישט קיין אותיות און לעקטערס).

**יא.** אויב מ'ווייסט פאר שבת אז עס קען זיין אז מ'וועט דארפן רופן א גוי, איז כדאי ארייַנצולייגן די נומערן פון די גוי'אישע טעקסי אין די 'מעמערי' פון די טעלעפאן (כדי מ'זאל דרוקן ווי ווייניגער קנעפלעך אין שבת).

**יב.** מען זאל בעטן דעם גוי אויפצומאכן די טיר פונעם קאר (חוץ ווען מ'איז זיכער אז די לעקטער וועט זיך נישט אנצינדן ווען מ'עפנט דעם טיר).

**יג.** אויב דער דרייווער איז מסכים, זאל מען אים באצאלן נאך שבת. אויב ער איז נישט מסכים, קען מען איהם ווייזן וואו דאס געלט ליגט, און ער זאל עס אליין נעמען פון דארט. אויב דאס איז אויך נישט מעגליך, זאל מען האלטן דאס געלט 'כלאחר יד' (צום ביישפיל:


CHESED 24/7

מיט צוויי פינגערס איבערגעדרייט), און אזוי באצאלן.

## מיטפארן צום שפיטאל

**יד.** ווען א חולה דארף אריינפארן שבת אין שפיטאל, זאל נאר איין באגלייטער מיטפארן מיט אים. ווען עס פעלט אויס, קענען גיין מיט אים צוויי באגלייטערס (צום ביישפיל: די מאמע איז נישט רואיג אליין, אפצומאכן וויכטיגע החלטות וואס וועט אונטערקומען).

**טו.** א יולדת וואס וויל נעמען מער ווי איין באגלייטער, זאל באזונדער מברר זיין מיט א מורה הוראה פאר שבת.

**טז.** ווען דער באגלייטער געפינט זיך נישט ביים חולה, און ס'איז נישט דא קיין צייט צו ווארטן ביז ער קומט צופיס, זאל מען שיקן א גוי אים ברענגען. ווען די מצב איז אנגעצויגן (ד.מ. עס איז א פאל פון א סכנה וואס מען דארף אנקומען אין שפיטאל ווי שנעלער), קען אפילו א איד דרייוון צו ברענגען דעם באגלייטער.

## צעטיילן די קינדער

**יז.** יונגע קינדער וואס אינדערוואכן וואלט מען זיי נישט איבערגעלאזט אליינס אינדערהיים, זאל מען זיי שבת בשום אופן נישט איבערלאזן אליינס אינדערהיים.

**יח.** לכתחילה זאל מען מסדר זיין מיט איינע פון די שכנים צו אכטונג געבן אויף זיי, אדער זאל מען זיי טראגן צו איינעם פון די משפחה (אויב עס איז וויכטיג, מעג מען קלינגען די בעל - bell מיט א שינוי).

**יט.** ווען מ'האט נישט קיין ברירה, זאל מען זיי טראגן צו איינעמ'ס הויז מיט א קאר, דורך א גוי. ווען די מצב איז אנגעצויגן, און ס'איז נישט דא קיין אנדערע מעגליכקייט, קען אפילו א איד זיי טראגן מיטן קאר.

## מיטנעמען זאכן צום שפיטאל

**כ.** מען מעג מיטנעמען אלעס וואס פעלט זיך אויס פארן חולה און פארן באגלייטער אויף שבת (צום ביישפיל: שלאף-קליידער / עסן / טלית / ספרים / ליין-מאטריאל א.ד.ג.). עס איז בעסער אז אלעס זאל ליגן צוזאמען אין איין בעג/רענצל וכדומה.

**כא.** אין א פלאץ וואו ס'איז דא אן 'עירוב', קען מען אליין אריינלייגן די זאכן אין די אמבולאנס אדער טעקסי.

## אריינטראגן די זאכן אין שפיטאל

**כב.** ביי די שפיטעלער: Suffern / Cornell / NYU / Mount Sinai / Memorial / איז דא אן עירוב, און מ'מעג טראגן צווישן די אמבולאנס און דעם שפיטאל. עס איז דא צובאקומען א מאפע פון דער עירוב פון סאפערן (בהשגחת דער מאנסי עירוב), און פון מאנהעטן (בהשגחת מכון להוראה).[1]

**כג.** א באגלייטער וואס וויל מהדר זיין נישט צו טראגן אין מאנהעטן (צוליב די מחלוקת אויב עס העלפט אן עירוב דארט), קען טון אזוויו עס ווערט אויסגעשמועסט אין דעם קומענדיגן סעיף.

**כד.** ביי די שפיטעלער: Nyack / Westchester / Colombia - איז נישט דא קיין עירוב (לעת עתה, תמוז תשפ"ב), און די הלכה איז ווי פאלגנד:

- ווען די אמבולאנס איז אריין אונטערן דאך פון די אויבנדערמאנטע שפיטעלער, קען מען טראגן דארט ווי געווענליך.
- ווען מ'פארקט אויפן גאס, זאל מען בעטן א גוי צו אריינברענגען די זאכן צום

[1] themonseyeruv.com - eruv.nyc

שפיטאל.

- ווען מען קען נישט דורך א גוי, זאל מען אלעס ארויפלייגן אויף די בעט פונעם חולה, און אזוי אריינברענגען אין שפיטאל.

## עפענען עלעקטראנישע טירן

**כה.** א טיר וואס עפנט זיך דורך עלעקטעריק, מעג מען בעטן א גוי זאל עס עפענען, אויב עס איז דא איינס פון די קומענדיגע תנאים:

- עס איז וויכטיג פארן חולה.
- עס איז א צורך מצוה פארן באגלייטער, צום ביישפיל: גיין דאווענען אין בית המדרש (אפילו אָן א מנין) / גיין אין מקוה / ברענגען סעודות שבת אדער ווארעמס.
- עס איז וויכטיג פארן באגלייטער.

**כו.** ווען א גוי עפנט דעם טיר פאר זיך, מעג מען דורכגיין אויך ווען עס איז נישט דא איינס פון די אויבנדערמאנטע תנאים.

**כז.** ביי א געהעריגע טיר (נישט עלעקטעראנישע) וואס עס צינדט זיך אן א לייט ווען מ'עפנט עס (אזויווי עס איז דא ביי אסאך טירן אין שפיטאל), מעג מען בעטן פון א גוי צו עפענען די טיר, אויך ווען עס איז נישט דא איינס פון די אויבנדערמאנטע תנאים.

## הלכות ביי אן עלעוועיטער

**כח.** א שבת-עלעוועיטער מעג מען נוצן נאר ווען עס איז א צורך פארן חולה, א צורך מצוה, אדער א צורך גדול (זע סעיף כה).

**כט.** ווען ס'איז נישט דא קיין שבת עלעוועיטער, מעג מען ביי די אויבנדערמאנטע פעלער בעטן א גוי צו דריקן דאס קנעפל פונעם שטאק צו וואו ער דארף אנקומען (מ'זאל בעטן בדרך כבוד, און אים קלאר מסביר זיין וואס מ'וויל, און אז עס איז שבת היינט, און ער קען עס נישט אליינס טון).

**ל.** עס איז כדאי צו מאכן א 'שינוי' און א 'היכר' ווען מ'באנוצט זיך מיט אן עלעוועיטער (מ'זאל ארייגגיין זייטוועגס, און אינעווייניג זאל מען האלטן איין פוס אביסל אינדערהייער).

## הלכות ביי די בית הכסא

**לא.** לכתחילה זאל מען זיך באנוצן מיט א געווענליכע בית הכסא וואס ארבעט נישט מיט עלעקטעריק (מען דארף אבער נישט פארדעם גיין מיט אן עלעוועיטער צו א פלאץ וואס האט א ביהכ"ס אָן עלעקטעריק).

**לב.** ווען מ'האט נישט קיין ברירה, מעג מען זיך באנוצן אויך אויב עס ארבעט מיט עלעקטעריק (אויב עס האט 'אויך' א הענטל, זאל מען אראפלאזן די וואסער מיט דעם, פארן זיך אויפשטעלן).

**לג.** אויב ס'איז נישט דא קיין געשניטענע פאפיר, קען מען רייסן פאפיר וויפיל מ'דארף - דורך א שינוי (צום ביישפיל: מיט די מויל, אדער מיט צוויי פינגערס איבערגעדרייט).

**לד.** אויב עס איז פארהאן אין שטוב פונעם חולה מיסט (צואה אדער מ"ר) וואס מ'טאר נישט זאגן אקעגן זיי קיין דברים שבקדושה, דארף מען עס צודעקן פארן דאווענען / מאכן א ברכה וכדומה.

**לה.** אויב איז דא אן אומאנגענעמע גערוך, דארף מען אויך זיך דערווייטערן פיר אמות (בערך אכט פיס) פון וואו דער גערוך ענדיגט זיך.

**לו.** אויב עס איז נישט שייך זיך צו דערווייטערן פיר אמות, איז דא אן עצה (אויב די מיסט איז צוגעדעקט) צו שפריצן אין די שטוב א 'ספרעי' וואס נעמט אוועק דעם גערוך, אדער אנשמירן ביי די נאז עפעס וואס שמעקט גוט (טאביק וכדומה).

## הלכות ביי די סינק

**לז.** לכתחילה זאל מען זיך באנוצן מיט א סינק וואס ארבעט נישט מיט עלעקטעריק, אדער מיט געבאטלטע וואסער.

**לח.** ווען עס איז נישט דא קיין ברירה, מעג מען בעטן א גוי זאל אנפולן די טעפל וואסער פאר אים (ווייל ס'איז א 'צורך מצוה', אדער א 'צורך גדול').

**לט.** אויב מ'איז אין די שטוב נאך פון פאר שבת, איז כדאי צוצודעקן די סענסער פון די סינק, אזוי קען מען עס נוצן צו אויסגיסן דארט די וואסער, אנדעם וואס עס זאל זיך אנצינדן די סינק.

## רופן אויפן טעלעפאן

**מ.** אין פאל וואס עס איז וויכטיג (פאר פיקוח נפש) זיך צו פארבינדן מיט אן עסקן וכדומה דורכן טעלעפאן, מעג מען אליין רופן. אויב מעגליך זאל מען רופן מיט א שינוי (מ'זאל נישט רופן דורך א גוי, ווייל עס קענען זיך מאכן טעותים).

**מא.** אין געווענליכע פעלער זאל מען נישט בעטן פון א גוי אז ער זאל רופן צו מעלדן איבער א שמחה וכדומה.

**מב.** אויב דער מצב איז געווען אנגעצויגן ביים אריינפארן מיטן חולה, און די משפחה ווארט אויף גוטע נייעס, מעג מען בעטן פון א גוי צו לאזן א מעסעדזש אויפן טעלעפאן.

## באדערפענישן פונעם חולה

**מג.** אויב דארף דער חולה צוקומען צו הילף פון א 'נורס' (nurse), זאל דער באגלייטער גיין רופן. אויב קען מען נישט (צום ביישפיל: דער באגלייטער איז נישט דארט / ער געבט זיך אפ מיטן חולה), איז מותר צו רופן דורך די בעל (bell) מיט א שינוי (צום ביישפיל: מיט די קליינע פינגער, אדער מיט די knuckle).

**מד.** אויב דער חולה וויל טוישן די אויסשטעלע פונעם בעט (מאכן זיצנדיג / ליגנדיג וכדומה), אדער פארלעשן די לייט כדי ער זאל קענען שלאפן, זאל מען בעטן פון א נורס עס צו טוישן. אויב נאכן ווארטן זעט מען אז קיינער קומט נישט, איז מותר עס צו טון אליין דורך א 'שינוי'.

**מה.** מ'זאל נישט בעטן א גוי צו 'אנצינדן' א לייט, נאר ווען עס איז זייער א וויכטיגע זאך פארן חולה (פיקוח נפש).

## חתמ'ענען פאפירן

**מו.** אויב פארלאנגט מען אין שפיטאל צו חתמ'ענען אויף געוויסע פאפירן, זאל מען בעטן צו אויסווארטן ביז מוצאי שבת.

**מז.** אין פאל וואס ס'איז נישט דא קיין ברירה, און עס איז גאר וויכטיג כדי צו קענען העלפן דעם חולה (דער חולה איז אין א מצב סכנה), דאן זאל מען פראבירן צו מאכן סתם שטריכן אָן א משמעות.

**מח.** אויב דאס איז נישט מעגליך, זאל מען שרייבן מיט די לינקע האנט, און א געלינקטער מיט די רעכטע האנט. לכתחילה זאל מען שרייבן נאר 'סקריפט'.

## טראגן ארום די שפיטאל

**מט.** פאלגנד זענען די הלכות ווען מען גייט ארויס אויף דער גאס ביי די שפיטעלער וואס עס איז נישט דא אן עירוב (זע סעיף כד). לדוגמא מען גייט צו א חסד שלאף-צימער אדער א בית המדרש.

**נ.** מען זאל ארויסנעמען אלעס פון טאש אין שפיטאל.

**נא.** א מאסק נארמאל אנגעטון אויף דער נאז און מויל, מעג מען גיין.

**נב.** די פלעסטיק איי.די. בענד פון די שפיטעלער, זאל מען נישט טראגן. מען זאל פראבירן עס אראפצושלעפן אדער אריינרייסן אין א פלאץ וואו ס'איז נישט דא קיין אותיות.

**נג.** ווען מען דארף אן איי.די. קארד א.ד.ג. צוריק אריינצוקומען אין שפיטאל, קען מען דאס מיטנעמען מיט זיך, און אריינלייגן צווישן די קליידער און די גוף. צום ביישפיל אין די ערמל, שיך, זאקן.

**נד.** די זעלבע זאל מען טון מיט א דאקטער'ס פרעסקריפשאן, ווען מען דארף עס אהיימנעמען דורך א פלאץ וואו ס'נישט דא אן עירוב.

# אהיימקומען פון שפיטאל

**נה.** א חולה וואס מען שיקט אהיים פון שפיטאל אינמיטן שבת, און עס איז נישט מעגליך צו בלייבן אין שפיטאל ביז מוצאי שבת. צום ביישפיל: א חולה וואס דארף נאך בלייבן אין בעט, און דער שפיטאל לאזט נישט בלייבן אין די שטוב / א יולדת פארן לידה, אדער נאכדעם / א קליין קינד. מעג מען אהיימפארן פון שפיטאל צוזאמען מיט 'איין' באגלייטער וואס דארף זיך אפגעבן מיט אים (לגבי די איבריגע באגלייטערס, זע ווייטער סעיף נט.

**נו.** דאס איז אויך ווען מ'איז אין א שפיטאל וואס איז חוץ לתחום (אפילו ווייטער פון י"ב מיל), אזוויו פון די שפיטעלער אין מאנהעטן צו מאנסי.

**נז.** אויב מ'קען, זאל מען צוריקפארן מיט אן הצלה מעמבער וואס פארט סייווי אהיים.

**נח.** אויב קען מען נישט פארן מיט הצלה, זאל מען בעטן א גוי צו רופן א טעקסי. ווען מען קען נישט דורך א גוי, קען מען אליין רופן מיט א שינוי (זע סעיף יב-יג די הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'פארט מיט א טעקסי).

**נט.** א חולה וואס דארף שוין נישט זיין דוקא אין בעט, און קען בלייבן אין שפיטאל ביז מוצאי שבת, צום ביישפיל: אויב מ'האט געמאכט טעסטס, און אלעס איז ב"ה בסדר / נאך סטיטשעס / נאכן פאררעכטן א צעבראכענע ביין. אזוי אויך א באגלייטער פונעם חולה וואס וויל אהיימגיין (צום ביישפיל: נאכן לידה וכדומה): 'זאל נישט אהיימפארן' אָן א קלארע הוראה פון א מורה הוראה!

**ס.** דאס איז אפילו ווען א קאר פארט סייווי אהיים (למשל די אמבולאנס, אדער די הצלה מעמבערס), און אפילו פון שפיטעלער וואס זענען אין די תחום - סיי שבת און סיי יום טוב.

# גיין צופיס

**סא.** די שפיטאל Suffern איז אין די תחום פון מאנסי/סקווירא, און מ'קען גיין און קומען צופיס (ביידע וועגן).

**סב.** אין פאל מ'איז אנגעקומען שבת צו די שפיטאל Nyack פון מאנסי/סקווירא, מעג מען צוריקקומען (נישט אהינגיין).

**סג.** אויב מ'איז אין Nyack פון ערב שבת, מעג מען צוריקקומען נאר אויב מ'האט אינזינען געהאט ערב שבת צו האבן א חלק אין די עירוב וואס מען מאכט (דער עירוב העלפט נישט אויף צו אהינגיין). [עס איז כדאי צו וויסן אז די וועג צו גיין פון Nyack קיין מאנסי/סקווירא געדויערט גאר לאנג (בערך צוויי און אהאלב שעה), און עס איז נאר ראטזאם פאר איינער וואס איז א 'בעל כח'].

**סד.** די שפיטעלער אין מאנהעטן, זענען אין די תחום פון ברוקלין, און מען מעג אהינגיין צופיס.

# שנשמע ונתבשר בשורות טובות!

- This is even when a car is anyway driving home (like the ambulance or Hatzolah members), and even from Hospitals that are in the techum.

## Walking Home

49. The Suffern Hospital is in the techum of Monsey/New Square, and one may walk both ways.

50. The hospitals in Manhattan are in the techum of Brooklyn, and one may walk both ways.

51. The Nyack Hospital is not in the techum of Monsey/New Square, and one can't walk there to & from Monsey or New Square.

    For walking home, a special set of Halachos pertain:

    - If one arrived to Nyack Hospital on Shabbos or Yom Tov from Monsey/New Square, he may walk home.
    - If one was in Nyack from before Shabbos, he may walk back, only if he had in mind on erev Shabbos to take part in the eruv. (The eruv does not help for the way going).
    - Take note that the way from Nyack to Monsey/New Square takes approximately two and a half hours.

## שנשמע ונתבשר בשורות טובות!


## Chesed 24/7 Phone Directory 845-354-3233 ext. 1 חסד טעלעפאן נומערן

| | | | |
|---|---|---|---|
| 1 | Sleeping accommodations and Chesed 24/7 Hospitality Rooms<br>דירות און שלאפן | 6 | Smile 24/7<br>שמייכל 24/7 |
| 2 | Meals<br>סעודות | 7 | DVD Library<br>אונטערהאלטונג גמ"ח |
| 3 | Transportation<br>טראנספארטאציע | 8 | Medical Equipment<br>מעדיקל עקוויפמענט גמ"ח |
| 4 | Pomegranate Juice<br>מילגרוים זאפט גמ"ח | 9 | Catskills Division<br>קעטסקילס אפטיילונג |
| 5 | Visitation, Patient services,or to volunteer<br>באזוכן, סערוויסעס און וואלונטירן | 10 | Medicine Chests<br>מעדיצין שענק |

Chesed 24/7 · 286 North Main Street Suite 210 Spring Valley, NY 10977 · 845-354-3233 A 501 c (3) organization Tax id # 13-3475062

of the hospitals where there is no eruv (see 24 above):

- Pockets should be emptied in the hospital.
- A mask may be worn in its normal way, over the nose and mouth.
- Important information can be written into a mask before Shabbos.
- The plastic ID band from the hospital should not be worn. One should try to pull it off, or tear it in a spot that doesn't have letters.
- If one will need an ID card, etc. in order to return to the hospital, it may be carried between the clothes and the body, for example in the sleeves, shoes, socks. (Many hospitals grant special permission to enter Shabbos without ID. Inquire with security).
- The same should be done for a doctor's prescription that needs to be taken home through a place that has no eruv.

## Coming Home from the Hospital

**47.** Sometimes a patient is discharged from the hospital during Shabbos, and it is not possible to stay in the hospital until after Shabbos. For example, a patient that still needs to be in bed, but the hospital does not allow him to stay in the room, a woman before or after giving birth, or a young child.

In the above situation, the patient may be driven home by a non-Jew, together with one accompanying person who needs to tend to him.

- This is also for a hospital that is chutz letechum (even farther than 12 mil), like from a Manhattan hospital to Monsey.
- If possible, one should go home together with a Hatzolah member that is anyway traveling home with a non-Jew.
- If it is not possible to go with Hatzolah, one should ask a non-Jew to call a taxi. When one can't ask a non-Jew, he can call himself in an unusual manner (see 12-13 for halachos of travelling with a taxi).

**48.** Sometimes a patient does not necessarily have to stay in bed, and it is possible for him to stay in the hospital until motzei Shabbos. For example, if after running some tests the results come back fine, or after stitches, or after setting a broken bone.

In the above situation, one should not be driven home without a clear hora'ah from a Moreh Hora'ah! This is also for someone accompanying the patient that wants to go home (like after a birth).

38. If one is already in the room before Shabbos, it is good to cover the sensor (which is usually at the center of the sink), to deactivate the automation, so that the sink can be used to spill water without activating the sink.

## Calling with a Phone

39. In situations where speaking to an asken, etc. on the phone is important for pikuach nefesh, one may call on his own. A non-Jew should not be used, because it may lead to miscommunication. If possible, one should use a shinui when calling.

40. In normal situations, one should not ask a non-Jew to call home to relate good news, etc.

If the situation at home was strained when transporting the patient to the hospital, and the family is waiting for positive updates, a non-Jew may be asked to leave a message on the phone.

## Needs of the Patient

41. If the patient needs help from a nurse, the accompanying person should go call one. If that is not possible, for example, he is not present, or he is tending to the patient, it is permitted to use the bell, in an unusual manner, like using the pinky or knuckle.

42. If the patient would like the position of the bed changed (reclined/upright, etc.) or the light turned off so he can sleep, a nurse should be asked for assistance. If, after waiting a long time, nobody shows up, one may do it alone in an unusual manner.

43. One should not ask a non-Jew to turn on a light, only if it is truly important for the patient (pikuach nefesh).

## Signing Papers

44. If one is asked to sign papers in the hospital, he should request to wait until after Shabbos, or give verbal consent.

45. In a situation where there is no choice, and there is a possibility of danger for the patient, one should make a mark without meaning.

46. If this is not possible, one should write in script and use his left hand, or a left-handed person with his right hand.

## Carrying around the Hospital

The following are the halachos of going out on the streets

upon opening. One may ask a non-Jew to open such a door, even when none of the above conditions are met.

## Using an Elevator

**28.** A Shabbos elevator may be used for the patient's needs, a mitzvah, or a very important need (see 25 above).

**29.** Where there is no Shabbos elevator, a non-Jew may be asked to press the button of the floor needed, for the above reasons. One should request this help in a respectful way, clearly expressing what is needed, while explaining that it is Shabbos and he may not do it on his own.

**30.** It is preferable if one can make a shinui and a heker when using an elevator. For example, going in sideways, and holding up one foot a little when inside.

## Halachos for the Restrooms

**31.** When possible, a regular bathroom that is not automatic/electric should be used. If none are available, a bathroom with electricity can be used.

- If the toilet also has a button/lever, it should be used to let the water out before standing up.
- It is not necessary to use an elevator to go to a place that has a restroom without electricity.

**32.** If there is no cut paper available, one may rip as much tissue paper as need, using an unusual manner, like using the mouth, or two upside-down fingers.

**33.** Devarim shebikdusha may not be said in the presence of human waste. It should be covered before davening or making a bracha, etc.

**34.** If there is an unpleasant smell in the room, one should stand four amos (approximately eight feet) from where the smell is no longer sensed.

**35.** If it is not possible to be four amos from the smell (and the waste is covered), one can spray the room with an air freshener with a pleasant smell, or smear something good-smelling on the nose like perfume etc.

## Halachos at the Sink

**36.** When possible, a regular, non-automatic sink or bottled water should be used to wash one's hands.

**37.** When there is no other choice, and one needs to daven or make a bracha a non-Jew may be asked to fill up the washcup.

**20.** Everything that's necessary for the patient and accompanying person for Shabbos may be taken along, like pajamas, food, tallis, sefarim, reading-material, etc. It is preferable for everything to be together in one bag, suitcase, etc.

**21.** In areas with no eruv, if possible, a non-Jew should be asked to carry items into the ambulance or taxi. In an area with an eruv, one may carry it himself.

## Carrying Possessions into the Hospital

**22.** The following hospitals have an eruv, and it is permitted to carry from the ambulance to the hospital: Suffern, Cornell, NYU, Memorial, and Mount Sinai.

A map of the Suffern eruv (under the hashgacha of the Monsey Eruv) and of the Manhattan eruv (under the hashgacha of Mechon LeHora'ah) are available. Visit the monseyeruv.com and eruv.nyc.

**23.** If the person accompanying the patient wants to be mehader not to carry in Manhattan (because of the machlokes if an eruv helps there), he can do as described in the following point.

**24.** As of this time (Shevat of 5783), the following hospitals do not have an eruv: Columbia, Westchester, and Nyack. The halacha is as follows:

- When the ambulance is under the roof of the above-mentioned hospitals, regular carrying is permitted.
- When parked on the street, a non-Jew should be asked to carry in the packages.
- When it is not possible to have a non-Jew carry, all packages should be loaded onto the stretcher that the patient is on.

## Opening Automatic Doors

**25.** A non-Jew may be asked to open an automatic door, as long as one of the following conditions are met:

- It is important for the patient's care.
- It is necessary for a mitzvah, for example: going to daven in a beis medrash (even without a minyan), going to the mikveh, bringing the Shabbos seudah or warm foods.
- It is of great importance (tzorech gadol) for the accompanying person.

**26.** When a non-Jew opens the door for himself, one may also go through it, even if one of the above conditions are not met.

**27.** Many non-electronic doors in hospitals activate lights

## Traveling with a Non-Jewish Taxi

**10.** When going to the hospital with a non-Jew, one should try to call in an unusual manner, like using the pinky or knuckles to dial. If possible, it is better to use a telephone that doesn't have a screen or lights.

**11.** If one knows in advance that they might have to call on Shabbos, they should program the taxi company's number in the phone's speed dial or memory, to avoid pressing additional buttons.

**12.** The non-Jewish driver should be asked to open the door upon entering or exiting the car, unless one is sure that lights won't turn on when opening the door.

**13.** If the driver agrees to the arrangement, he should be paid after Shabbos. Otherwise, one can show him where the money is, and he should take it himself. If even this wouldn't work, one should hold the money in an unusual manner (kilachar yad); for example: with two fingers turned over and pay like that.

## Accompanying a Patient to the Hospital

**14.** At least one person should accompany the patient to the hospital. If it is necessary for the patient an additional person may join. For example, a child that is more comfortable with the mother, but she is not comfortable making important decisions alone without the father.

**15.** A woman giving birth who wants more than one person joining must consult with a dayan before Shabbos.

**16.** If the accompanying person is in a different location from the patient, and there is no time for him to join by foot, a non-Jew should be sent to pick him up.

When time is of essence and the patient needs to get to the hospital as fast as possible, a yid may drive to pick up the accompanying person.

## Care for Children at home

**17.** Young children that would normally not be left unattended at home should under no circumstance be left home alone.

**18.** They should be left with a neighbor or taken to a family member. If necessary, one may ring the bell in an unusual manner.

**19.** If there is no choice, they should be taken to someone's house by car, with a non-Jewish driver. When time is of essence, even a yid may drive them by car.

## Taking Possessions Along to the Hospital

## Introduction

1. The Torah teaches us that the mitzvah of saving a yid's life overrides all other mitzvos in the Torah (besides the three aveiros of avodah zara, gilui arayos, and shefichas damim), since the value of a yiddishe life supersedes everything!
2. Chazal say (Yerushalmi Yoma 5:5) that in the case of pikuach nefesh, it is a mitzvah to be mechallel Shabbos! Hence, one who is quick to act is praised.
3. Even for the slight chance of a possibility, still, one would need to be mechallel Shabbos, Yom Tov, and even Yom Kippur, to be absolutely sure that there is no danger to a yid's life. This applies even to a chance of danger that less than one in thousand (0.1%) people die from it! (Mishnah Berurah 330:5)
4. Chazal say (Ibid) That in a situation of 'safek sakana' (a possibility of danger), one who waits to ask a sheilah of a Rav before acting is considered a shofech damim (murderer) ch"v.

   And even the Rav of whom the sheilah is asked is frowned upon, because if he would have stated in public that in the case of pikuach nefesh, it is a mitzvah to be mechallel Shabbos, the question would not have arisen at all.

## Calling Hatzolah

5. In every situation where there is even a slight chance of danger to the patient, everything must be done to determine his condition.

   Hence, if Hatzolah would be called during the week, the same should be done on Shabbos. Since one cannot determine alone if it is pikuach nefesh.
6. If one has the time and is in a calm frame of mind, it is better to press the keypad of the phone in an unusual manner (shinui), like using the pinky or knuckle.

## Going into the Hospital on Shabbos

7. In every situation that a patient would be transported to the hospital during the week, in order to be examined by professional doctors with proper medical equipment, the patient must be taken in on Shabbos and Yom Tov as well.
8. When time is of essence, and a patient must get to a hospital, he should be transported by Hatzolah with a yid driving.
9. A non-Jew should transport the patient if the matter is not as urgent (as in many cases of a woman giving birth).

Project sponsored by:

KEDEM®
A Heritage of Perfection Since 1948

Highview
Your Workers' Compensation Insurance Carrier
845-363-0500
INFO@HIGHVIEWINS.COM
WWW.HIGHVIEWINS.COM



EMPOWER EVERY STEP

Elevate Your Journey with State-of-the-Art Lower Limb **Prosthetics**

Teitelbaum
ORTHOTICS & PROSTHETICS

**718.782.0600**
Office@OrthoticsNY.com > WWW.ORTHOTICSNY.COM
**BORO PARK** 910 46th Street, Brooklyn NY 11219 | f. 718.305.7001
**WILLIAMSBURG** 166 Ross Street, Brooklyn NY 11219 | f. 718.782.0611
**MONSEY** 41 Main Street, Monsey NY 10952 | f. 718.782.0611

Another project by:

CHESED 24/7
חסד דשיכון סקווירא

chesed247.org || 845.354.3233 || 718.705.3900

For comments on this booklet or to sponsor/dedicate future printings, please write to halachasguide@chesed247.org

© 2024 Chesed 24/7. All rights reserved. First printing Nissan 5784

CHESED 24/7
חסד דשיכון סקווירא



# Shabbos & Yom Tov
## Halacha Guide

Important halachos of Shabbos and Yom Tov for patients and those accompanying them

**Driving to the hospital**

**In the hospital**

**Coming home from the hospital**

Written by R' **Avraham Yosef Gordon** Shlit"a

Based on the hora'ahs of
R' **Yosef Yisroel Eisenberger** Shlit"a
Dayan of New Square

**Your Dedication Here**

**Your dedication will help Chesed 24/7 continue it's vital services. Please contact us to dedicate the next printing.**